Δ
YP 2537.35

# די גאָלדענע קייט

פֿערטליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

# 129

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

אַרויסגעגעבן פֿון ההסתּדרות הכּללית של העובֿדים בארץ־ישׂראל
תּל־אָבֿיבֿ
1990

# די גאָלדענע קייט

## פֿערטליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
## און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

רעדאַקטאָר: אַבֿרהם סוצקעווער
רעדאַקציע־סעקרעטאַר: אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט
פֿאַרוואַלטער: משה מיליס

# 129

אַרויסגעגעבן פֿון ההסתּדרות הכּללית של העובדים בארץ־ישׂראל
תּל־אָבֿיבֿ
1990

„די גאָלדענע קייט" (שלשלת הזהב), רבעון לספרות ולבעיות חברתיות
בהוצאת ההסתדרות הכללית של העובדים בארץ־ישראל
העורך: אַבֿרהם סוצקעווער
מזכיר המערכת: אלכּסנדר שפּיגלבלט
מנהל: משה מיליס

---

ערשטער מיטרעדאַקטאָר פֿון זשורנאַל
אַבֿרהם לעווינסאָן,
צווייטער מיטרעדאַקטאָר —
אליעזר פּינעס

DI GOLDENE KEYT

Periodical for Literature and Social Problems, Published
Quarterly by the General Federation of Labour in Israel
Tel-Aviv, P.O.B. 303

PRINTED IN ISRAEL
אחדות דפוס אופסט ובלט בע"מ, תל־אביב

אַדרעס פֿון דער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
הוצאת „די גאָלדענע קייט", תּל־אבֿיבֿ, רחוב ויצמן 30 (בית המלין)
טעלעפֿאָן: 218193; 216059


# אינהאַלט


| | |
|---|---|
| אַבֿרהם סוצקעווער / די נעכטנס פֿאַר הײַנטוועגן | 5 |
| חיים גורי / צו די הונדערט יאָר | 12 |
| הדסה רובין / ווען ס'פֿאַלט צו דער אָוונט | 15 |
| יוסף קערלער / פֿינף לידער | 16 |
| יאָסל בירשטיין / אַ פּנים אין די וואָלקנס (ראָמאַן) | 21 |
| רייזל זשיכלינסקי / נײַע לידער | 39 |
| מ. צאַנין / זומערשנײ (דערציילונג) | 42 |
| רבקה באַסמאַן / די שטילקייט ברענט | 53 |
| ג. ווײַניג / נײַדוס־עטיודן | 57 |
| אַברהם סוצקעווער / אַלכּסנדר באָגען (אין שײַכות מיט זײַן אַלבאָם "המרד") | 87 |
| אַלכּסנדר באָגען / ייִדישער פּאַרטיזאַן (צייכענונג) | 89 |
| אַלכּסנדר באָגען / מסעות בנימין השלישי (צייכענונג) | 90 |
| איציק מאַנגער / כּל דיכפּין (פֿון די הגדה־מאָטיוון) | 91 |
| יוסף בולאָוו / פֿון אַלטן מאַרקפּלאַץ (פֿון בוך אין כּתב־יד: זכרונות) | 93 |
| מעינקע קאַץ / בלומען אין וואַזאָנען | 105 |
| שירע גאָרשמאַן / דעם זיידנס תּפֿילה (דערציילונג) | 106 |
| משה גורין / אָפּגעבריטע שעהען | 108 |
| לוי שאַליט / מעדיטאַציעס | 111 |
| צבי אײַזנמאַן / צו דער באָבעס קבר אין אַ ווינטערטאָג (דערציילונג) | 118 |
| שמעון רעדליך / אין אַרכיוו פֿון ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע | 123 |
| וועלוול טשערנין / צוויי לידער | 134 |

העשיל קלעפּפיש / אין דער מחיצה פֿון ישׂראל שטערן 136

נתן גראָס / משהלע בערנשטיין און זײַן שטעטל (צו זײַן רעטראָספּעקטיווער
אויסשטעלונג אין "גאַלעריאַ פּאַרק", תּל־אָביב) 141

משה בערנשטיין / צייכענונג 142

אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט / פֿאַר אילוזיעס איז קיינער ניט עָרב (אויפֿן
ראַנד פֿון שלום אַשס "עוואַנגעלישע ראָמאַנען") 145

ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן / מיטן ריח פֿון צוזאָג 164

יוסף אָקרוטני / אין די שריט פֿון בלייכנדיקן זכּרון 166

סילוויאַ גובערמאַן־יונין / שבתדיק געשטאַלט אין אַ וואָכעדיקער וועלט
(הערות צום לעבן און שאַפֿן פֿון וואָלף יונין) 172

שרײַבער און ווערק

משה ז"ק / דער כּישוף פֿון ישעיהו אַברך (ישעיהו אברך: פרקי יותם) 187

אליעזר פּאָדריאַטשיק / מיט פֿולע עמערס (יעקב־צבי שאַרגעל:
מיט פֿולע עמערס, צווישן שרײַבער און ווערק, בוך דרײַ) 190

רחל שיחור / הומאַניזם אָן קדושה (משה גלבוע: מסע לאגואיזם של האנושות) 192

מנחם שטיצער / אַ מצבה פֿאַר אַ פֿאַרטיליקטער קונסט (נתן גראָס:
תולדות הקולנוע היהודי בפולין 1910 — 1950) 195

קולטור־נײַס 198

נײַע ביכער 204

אַברהם סוצקעווער / דער קינסטלער פֿון מלכות געטאָ (צו דער פּטירה
פֿון ישעיהו שפּיגל — 1906־1990) 207

אַבֿרהם סוצקעווער / תּל־אָביב

# די נעכטנס פֿאַר הײַנטוועגן

א

איכ'ל גראָבן ביז נעכטן פֿאַר דײַנטוועגן, מײַנטוועגן
צו געפֿינען אַ זינען פֿאַר מײַנטוועגן, דײַנטוועגן.

צו געפֿינען די סודות פֿון אונדזער געבוירנקייט
און למאַי מיר געהערן צו זעלביקער גורלקייט.

איכ'ל גראָבן ביז נעכטן — זיך ניט צו דערווײַטערן
אונדזער שוידער זאָל ביידן אין קוואַלוואַסער לײַטערן.

אונדזער שוידער זאָל אײַנשלינגען ביידן גן־עדנדיק,
אונדזער שטיינערדיק שווײַגן זאָל אײַנדרעמלען ריידנדיק.

איכ'ל גראָבן די נעכט און די נעכטנס פֿאַר הײַנטוועגן
צו געפֿינען אַ זינען פֿאַר מײַנטוועגן, דײַנטוועגן.

1988

ב

אַפֿילו אַז דער מענטש פֿאַרגייט און ס'האַווקעט
זײַן שאָטנהונט אין לעצטער בענקשאַפֿט נאָך זײַן בעל־הבית,
אַפֿילו יעמאָלט בלײַבט נאָך אויף דער ערד אַן אומפֿאַרגייִקער
דעם טויטנס תּלין.

איך האָב געזען,
באַשײַמפּערלעך געזען,
ווי יענער שטעלט שוין אויף אין מאַרק אַ תּליה
צו הענגען די נשמה פֿונעם טויטן.

דאָס קינד האָט געהערט און ניט געהערט, פֿאַרשטאַנען און ניט פֿאַרשטאַנען וואָס די מאַמע רעדט צום שטיין, באַקלאָגט זיך, אַז דער טאַטע האָט אויפֿגעהערט שרײַבן בריוו, ער שיקט ניט קיין דאָלאַרן צו דער צײַט, מע דאַרף דעם קינד מאַכן שטיוועלעך, מע דאַרף קויפֿן קוילן צום הייצן; די שכנה איז זי מקנא וואָס זי באַקומט דאָלאַרן, אָבער דאָס וואָס זי פֿינצטערט אָפּ די יאָרן אָן אַ מאַן — דאָס זעט קיינער ניט. דאָס קינד דאַרף אַ טאַטן און ס׳איז איר שווער אַליין צו שלעפּן דעם עול פֿון פּרנסה. זאָל די מאַמע איר מוחל זײַן, וואָס זי שטערט איר רו. זאָל זיך די מאַמע פֿאַר איר און פֿאַרן קינד מיִען, זאָל זי זײַן אַ גוטער מליץ!

פֿון ערגעץ איז אָנגעפֿלויגן אַ קראָ, אַן איין־און־איינציקע קראָ, און זיך געשטעלט אויף אַ דערבײַיִקן מצבֿה־שטיין.

די מאַמע, וואָס קאָן אַלץ, וואָס ווייס אַלץ, וואָס זעט אַלץ, איז איצט אַרײַנגעטאָן געווען אין אַנדערע וועלטן און ניט געהערט ווי די קראָ ענטפֿערט איר אויף אַלע שליחותן וואָס זי בעט בײַ דער באָבען מיט אַ מרה־שחורהדיק קול: קראַ, קראַ, קראַ!

ענדלעך איז די מאַמע אויפֿגעשטאַנען, זיך אויסגעגלײַכט, אָפּגעטרייסלט דעם שניי, צו רעכט געמאַכט די האָר און זיי צוריק פֿאַררוקט אונטער דער פֿאַטשיילע. ערשט איצט האָט זי זיך דערמאָנט אינעם קינד. זי האָט עס צוגעצויגן צו זיך, אַרומגענומען, אָפּגעווישט דאָס פּנים. דאָס קינד האָט זיך געווערט, זי אָפּגעשטופּט פֿון זיך. די מאַמע האָט עס אָבער פֿעסט געהאַלטן, אַפֿילו דעם קאָפּ ניט געלאָזט אַוועקדרייען, עס זאָל הערן ביזן סוף וואָס זי וויל זאָגן:

— געזעגן זיך מיט דער באָבע. זאָג איר צו אַז דו וועסט זײַן אַ ווויל קינד. וועסט פֿאָלגן דער מאַמען, לערנען זיך מיט חשק און זײַן צו גאָט און צו לײַט.

דאָס קינד האָט ניט געוווּסט וואָס די מאַמע וויל. צי איז די מאַמע בלינד? צי איז די מאַמע טויב און זעט ניט און הערט ניט, אַז די באָבע האָט אַ שנאָבל און שוואַרצע פֿליגל, און שוואַרץ און הייזעריק איז איר קול? צי זעט זי ניט אַז די באָבע איז הויל און נאַקעט, און שפּרינגט אונטער פֿון איין פֿיסל אויפֿן אַנדערן, כּדי זיי זאָלן ניט אײַנפֿרירן, און באַוועגט מיט די פֿליגלען זיי זאָלן ניט פֿאַרשטײַפֿט ווערן, און בעט זיך מיט אַ געבראָכענער שטים:

— לאָז מיך ניט אַליין, לאָזט מיך ניט אַליין!

דאָס קינד האָט זיך ניט מער געקאָנט אײַנהאַלטן און זיך צעשריִען:

— די באָבע איז אַ פֿויגל! די באָבע וויל אַהיים!

די מאַמע האָט דאָס קינד ווידער גענומען אויף די הענט, צוגעלייגט איר פּנים צום קינדס פּנים, און שטיל, אַרײַנגעשעפּטשעט אין אויער:

— דרויבעלע מײַן, זונעלע מײַן, וואָס פֿעלט דיר אײַן? די באָבע רוט אין ליכטיקן גן־עדן און ס׳איז איר דאָרטן ווויל און גוט, און אַ קראָ בלײַבט אַ קראָ. אָט איז זי דאָרטן און אָט איז זי דאָ.

זי האָט דאָס ייִנגעלע פּאַמעלעך אַרויסגעלאָזט פֿון די אָרעמס, געלאָזט עס מיט די פֿיס אויסטאַפּן דעם וועג.

מאַמע און קינד האָבן זיך גענומען דערוויַיטערן. מאַמע און קינד זענען געזונקען אין די שנייען. בלויז די קראָ איז געבליבן שטיין אַזוי ווי זי איז געשטאַנען, נאָר דאָס פֿינצטערע קראַקערײַ איז מיט זיי מיטגעגאַנגען.



שמעון רעדליך / באר־שבע

# אין אַרכיוו פֿון ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע

די פֿאָרשונג אין שײַכות מיטן ראַטן־פֿאַרבאַנד בכלל און מיט די רוסישע ייִדן בפרט, איז אין משך פֿון יאָרן געווען ענלעך צו דער פֿאַרמאַטערנדיקער אַרבעט אויסצופֿילן אַ רעבוס, ווו אַ סך פֿון די קוואַדראַטלעך זענען געבליבן ליידיקע. די סאָוועטישע אַרכיוון, דער עיקרדיקער אינסטרומענט פֿונעם היסטאָריקער, זענען פֿאַר אונדז געווען פֿאַרשלאָסן און פֿאַרריגלט. בלויז אין דער לעצטער צײַט האָט מען אָנגעהויבן צו עפֿענען די דאָזיקע אַרכיוון פֿאַר סאָוועטישע פֿאָרשערס און אויך פֿאַר די ערשטע מערבֿדיקע פֿאָרשערס. דער מצבֿ פֿון ישׂראלישע פֿאָרשערס איז געווען גאָר אַ קאָמפּליצירטער, מחמת ס׳זענען ניט פֿאַראַן קיין פֿולע דיפּלאָמאַטישע פֿאַרבינדונגען צווישן ראַטן־פֿאַרבאַנד און מדינת־ישׂראל. דעריבער איז עס געווען אַ גרויסע דערגרייכונג, וואָס איך האָב באַקומען אַ באַוויליקונג צו אַרבעטן אין צענטראַלן מלוכישן אַרכיוו אויפֿן נאָמען פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אין מאָסקווע, בעת איך בין געווען פֿאַרבעטן אָנטייל צו נעמען אין אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענפֿאָר פֿון היסטאָריקערס, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט דער געשיכטע פֿון רוסלאַנד אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, פֿאָרגעקומען אין אַפּריל 1990, אונטערן פּאַטראָנאַט פֿון דער אַקאַדעמיע פֿאַר וויסנשאַפֿטן. פֿאַרשטייט זיך, אַז קודם־כּל בין איך געווען פֿאַראינטערעסירט מיטן אָריגינעלן אַרכיוו פֿונעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט, וואָס מיט זײַן פֿאָרשונג האָב איך זיך פֿאַרנומען אַ סך יאָרן און האָב דערוועגן אַרויסגעגעבן צוויי ביכער, איינס אויף ענגליש און דאָס צווייטע, פֿאַר אַ קורצער צײַט, אויף העברעיִש.

אין משך פֿון יאָרן האָב איך צונויפֿגעזאַמלט יעדער ברעקל אינפֿאָרמאַציע וועגן ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט, דורכגענישטערט צענדליקער אַרכיוון אין ישׂראל, ענגלאַנד און די פֿאַראייניקטע שטאַטן. כ׳האָב געהאַט שמועסן מיט כּמעט יעדן איינעם וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיטן קאָמיטעט און מיט דער תּקופֿה זײַנער, איך האָב אויך גערעדט מיט די פֿרויען און קינדער פֿון סאָוועטיש־ייִדישע שרײַבערס און קולטור־אַקטיוויסטן, וואָס זענען דאָרטן פֿאַרמישפּט געוואָרן צום טויט. אָבער איך האָב אַפֿילו ניט געחלומט צוצוקומען צום „קדשי־קדשים", צו דעם אָריגינעלן אַרכיוו פֿון קאָמיטעט, און איך בין אַפֿילו ניט געווען זיכער צי ער האָט זיך אויפֿגעהיט. אַוודאי בין איך געווען טיף גערירט, ווען כ׳האָב אָנגעהויבן צו בלעטערן די פּראָטאָקאָלן פֿון די זיצונגען פֿונעם פּרעזידיום, און צו לייענען די בריוו וואָס ייִדן איבערן גאַנצן ראַטן־פֿאַרבאַנד האָבן געשריבן צו דעם קאָמיטעט און זײַנע אָנפֿירערס.

איידער איך וועל אין קורצן באַשרייַבן דעם אַרכיוו און ציטירן פֿון די אינטערעסאַנטסטע בריוו וואָס איך האָב ביז איצט געלייענט, וויל איך זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם דאָזיקן ספּעציפֿישן און טראַגישן ייִדיש־סאָוועטישן קאָמיטעט, וואָס שפּיגלט אָפּ אַ דראַמאַטישע תּקופֿה, פֿול מיט שפּאַנונג און סתּירות, אָבער אויך מיט האָפֿענונגען.

ערבֿ היטלערס אינוואַזיע אין רוסלאַנד, זומער 1941, איז דער נאַציאָנאַלער ייִדישער קיום אין ראַטן־פֿאַרבאַנד געווען אין אַ שטענדיקער ירידה, און דער מעמד פֿון רוסלאַנד ביַי די ייִדן אויף דער גאָרער וועלט איז געווען גאָר אַ געפֿאַלענער, מחמת דעם הסכּם צווישן מאָלאָטאָוו און ריבענטראָפּ. דעם 22סטן יוני האָט זיך אַלץ געביטן. די סאָוועטישע אויסערן־און אינערן־פּאָליטיק האָט אָנגענומען נייַע פֿאָרמען, לויט דעם ווי עס האָט געפֿאָדערט די מלחמה. אין יענער תּקופֿה, אין אַ גרויסער מאָס אונטער דער השפּעה פֿונעם חורבן, האָט אָנגעהויבן וואַקסן די נאַציאָנאַלע אידענטיפֿיצירונג ביַי די סאָוועטישע ייִדן. אויף יענעם שיידוועג, ווו ס׳האָבן זיך באַגעגנט די נייַע סאָוועטישע און ייִדישע טענדענצן, איז אויפֿגעקומען דער ייִדישער אַנטיפֿאַשיסטישער קאָמיטעט. דאָס איז בלי־ספֿק געווען די וויכטיקסטע ייִדיש־סאָוועטישע אינסטיטוציע, פֿון זינט ס׳איז ליקווידירט געוואָרן די יעווסעקציע, אין 1930.

די ראָלע פֿונעם קאָמיטעט, ווי זי איז באַשטימט געוואָרן דורך דער מאַכט, איז געווען צו פֿאַרשפּרייטן די סאָוועטישע מלחמה־פּראָפּאַגאַנדע צווישן די סאָוועטישע ייִדן און, דער עיקר, צווישן די ייִדן פֿון דער וועלט. אָבער אין משך פֿון דער צײַט, און אין הסכּם מיט די באַדינגונגען, איז דער קאָמיטעט געוואָרן דער ברענפּונקט פֿון ייִדישער אידענטיפֿיצירונג אין ראַטן־פֿאַרבאַנד גופֿא, און אַ מין "בריק" צווישן די רוסישע ייִדן און די ייִדן פֿון דער פֿרײַער וועלט. סטאַלין און די מומחים פֿון דער סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע האָבן דעמאָלט דערמוטיקט די רוסישע ייִדן, צו דינען ווי אַ "פֿאַרבינדונגס־גרופּע" מיט דער דרויסנדיקער וועלט.

דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פֿון אַ שטענדיקן קערן פֿון ייִדיש־סאָוועטישע מנהיגים, דער עיקר פֿון דער ליטעראַרישער און קינסטלערישער וועלט, ווי שלמה מיכאָעלס, דער אָנפֿירער פֿונעם מאָסקווער באַרימטן ייִדישן טעאַטער, דער פּאָעט איציק פֿעפֿער און אַנדערע. צו זיי האָט מען מצרף געווען בולטע געשטאַלטן, וואָס מע האָט זיי ביז דעמאָלט ניט אידענטיפֿיצירט ווי ייִדן, און וואָס זיי אַליין האָבן זיך ניט אידענטיפֿיצירט ווי ייִדן — ווי למשל איליאַ ערענבורג און וואַסילי גראָסמאַן. די אָנפֿירערס פֿונעם קאָמיטעט זענען, כּמעט בעל־כּורחו געוואָרן די ניט־אָפֿיציעלע רעפּרעזענטאַנטן פֿונעם רוסישן ייִדנטום. זיי האָבן דערפֿילט אַ מין התחייַבֿות לגבי דער ייִדישער באַפֿעלקערונג און האָבן אָנטייל גענומען אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און פֿאַר דער אויפֿלעבונג פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. דער קאָמיטעט איז אויך געווען אַרייַנגעמישט אין די פּרוּוון פֿון רעסטאַוראַציע און ייִדישער קאָלאָניזירונג, נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך פֿאַרענדיקט. אָבער די וואַקסנדיקע קאָנסערוואַטיווקייט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד און די נעגאַטיווע השפּעה פֿון דער קאַלטער מלחמה אין די אינטערנאַציאָנאַלע באַציִונגען, האָבן אַלץ מער געשטעלט אין ספֿק ביַי דער סאָוועטישער מאַכט די באַרעכטיקונג פֿון אַ ייִדישער אינסטיטוציע. דער סוף פֿונעם קאָמיטעט האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו





באַווייַזן אין 1946, בעת דער "זשדאַנאָווטשטשינע"־קאַמפּאַניע, און האָט דערגרייכט דעם קריטישן פּונקט אין פֿאַרלויף פֿונעם יאָר 1948.

אַ בייזער אָנזאָג איז שוין געווען אין יענעם יאָר דער אינסצענירטער טויט פֿון שלמה מיכאָעלס. מע קאָן אָננעמען, אַז סטאַלין אַליין איז געווען אַרייַנגעמישט אין דעם באַשלוס צו דערמאָרדן דעם אָנפֿירער פֿונעם קאָמיטעט. זייַן טויט האָט געזאָלט זייַן אַ וואָרענונג פֿאַר די ייִדן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. אַ צענטראַלע ראָלע אין דער החלטה פֿון דער סאָוועטישער אָנפֿירערשאַפֿט צו פֿאַרמאַכן דעם קאָמיטעט אין יאָנוועמבער 1948 האָט געשפּילט די פּאָטענציעלע פֿאַרבינדונג צווישן די רוסישע ייִדן און מדינת־ישׂראל, וואָס האָט זיך קאָנטורירט אָנהייב האַרבסט אין יענעם יאָר, ווען ס׳זענען אָנגעקומען אין מאָסקווע די ישׂראלישע פֿאָרשטייערס, בראָש מיט גאָלדע מאיר. אין די חדשים סעפּטעמבער־אָקטאָבער זענען פֿאָרגעקומען רירנדיקע באַגעגענישן צווישן די ישׂראלים און מאָסקווער ייִדן. דער ייִדישער אַנטיפֿאַשיסטישער קאָמיטעט איז פֿאַרמאַכט געוואָרן אין נאָוועמבער. מע קאָן זיך משער זייַן, אַז אין אָט דער החלטה האָבן געהאַט אַ חלק סטאַלין גופֿא און די העכסטע ראַנגען אין סאָוועטישן אַפּאַראַט. די לעצטע אַנטפּלעקונגען באַשטעטיקן אָט די הנחה. אין צענטער פֿון דער זשדאַנאָווישער קאַמפּאַניע נאָך דער מלחמה איז געשטאַנען דער אַנטימערבֿדיקער צוגאַנג. די מערבֿדיקע וועלט און איר קולטור האָט מען אַרויסגעשטעלט ווי דעגענעראַציע און סכּנה. די ייִדן האָבן געדאַרפֿט שפּילן די ראָלע פֿון די "מיקראָבן", וואָס שטעלן אין סכּנה דעם גוף און דעם גייַסט פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿט. דער ייִדישער קאָמיטעט, וואָס איז בשעתו אויפֿגעשטעלט געוואָרן פֿון דעם זעלביקן רעזשים און די זעלביקע סאָוועטישע מנהיגים, איז אַצינד געוואָרן דער צענטער פֿון דער "סכּנה". דער פּראַקטישער פּועל־יוצא דערפֿון איז געווען די אַרעסטירונג פֿון זייַנע אָנפֿירערס, די אויספֿאָרשונג און די פֿאַרפּייַניקונג זייערע, וואָס האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט דעם געהיימען פּראָצעס און דער עקזעקוציע אין 1952.

אָנהייב 1989 האָט די סאָוועטישע פּרעסע געמאָלדן, אַז דער פּאָליטביוראָ האָט באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע צו רעהאַביליטירן די נעמען פֿון סטאַלינס קרבנות, און אַז די דאָזיקע קאָמיסיע פֿאַרנעמט זיך אויך מיט דער "פּרשה פֿון ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט". אין דער קאָמיסיע באַטייליקן זיך ערשטראַנגיקע מיטגלידער פֿון דער הייַנטיקער אָנפֿירערשאַפֿט, פֿון גאָרבאַטשאָווס מקורבֿים, ווי וואַדים מעדוועדיעוו, דער ממונה איבער אידעאָלאָגישע פּראָבלעמען, וולאַדימיר קריוטשקאָוו, וואָס איז באַשטימט געוואָרן ווי דער הויפּט פֿון זיכערקייט־דינסט, און אַלעקסאַנדער יאַקאָוולעוו, דער באַגרינדער פֿון גלאַסנאָסט און דער נאָענטסטער מענטש פֿון גאָרבאַטשאָוו. פּרטים וועגן דער אַרבעט פֿון דער דאָזיקער קאָמיסיע זענען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין דעצעמבער 1989. מיר האָבן געזען דעם פֿולן באַריכט נומער 7, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט דער פּרשה פֿון ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט. פֿון אָט דעם באַריכט און פֿון מאמרים אין דער סאָוועטישער פּרעסע, וואָס זענען פֿריִער געדרוקט געוואָרן, ווערט מען געוווּיר פּרטים און פֿאַקטן אין שייַכות מיטן גורל פֿונעם קאָמיטעט, וואָס זענען ביז אַצינד געווען בלויז השערות, אָדער מ׳האָט וועגן זיי בכלל גאָרנישט ניט געוווּסט. דער באַריכט נומער 7 ברענגט אַ קורצן סך־הכּל וועגן די באַדינגונגען אין

וועלכע דער ייִדישער אַנטיפֿאַשיסטישער קאָמיטעט איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן, וועגן זײַן אַקטיוויטעט בעת דער מלחמה, און אַנטפּלעקט צום ערשטן מאָל וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן „הינטער די קוליסן". שוין אין אָקטאָבער 1946 האָט דער מיניסטעריום פֿאַר מלוכה־זיכערקייט זיך געווענדט צו דעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי און צו דער רעגירונג, און האָט באַשולדיקט אַ ריי מיטגלידער פֿון ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט אין ייִדישן נאַציאָנאַליזם, אין פֿאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד, און, דאָס סאַמע ערגסטע, אַז דער קאָמיטעט דינט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד גופֿא ווי „דער הויפּטפֿאָרשטייער פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג און פֿאַרמיטלט צווישן דער דאָזיקער באַפֿעלקערונג און דער ממשלה". אַ קאָפּיע פֿון אָט די באַשולדיקונגען האָט סאָבאָלעוו צוגעשיקט סטאַלינען. סוף 1947 האָט די עג־קאַ־ווע־דע אַרעסטירט צוויי אַקטיוויסטן פֿונעם קאָמיטעט, זיי פֿאַרפּײַניקט און אָנגעשראָקן, כּדי מיט זייער הילף צוצוגרייטן אַ באַריכט, וואָס באַשולדיקט די מנהיגים פֿונעם קאָמיטעט אין פֿאַרברעכנס קעגן דער מדינה און דער פּאַרטיי. כּדאַי צו באַמערקן, אַז אָט דער פֿאַלשער באַריכט איז געשיקט געוואָרן צו די אָנפֿירערס פֿון דער פּאַרטיי דעם 10טן יאַנואַר 1948. כּידוע, איז שלמה מיכאָעלס דערהרגעט געוואָרן, כּלומרשט אין אַן „אַקצידענט", אין מינסק, ווײַסרוסלאַנד, דעם 13טן יאַנואַר. אין מאַרץ 1948 האָט דער מיניסטעריום פֿאַר אינעווייניקסטער זיכערקייט געשיקט אַ צווייטן באַריכט צו דעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי, מיט שווערע באַשולדיקונגען קעגן מיכאָעלסן און פֿעפֿערן, וואָס האָבן, ווידליק דעם באַריכט, געפֿירט נאַציאָנאַליסטישע קאָנטאַקטן בעת זייער שליחות אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אין 1943.

דער ענין וועגן גורל פֿון קאָמיטעט און זײַנע מיטגלידער איז דערגאַנגען צו דעם העכסטן שטאַפּל אין דער פּאַרטיי, צום פּאָליטביוראָ. דעם 20סטן נאָוועמבער 1948 איז באַשלאָסן געוואָרן „תּיכּף פֿונאַנדערצולאָזן דעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט". דער סאַמע צענטראַלסטער פּאַרשוין אין צוגרייטן די באַשולדיקונגען און דעם פּראָצעס קעגן די אָנפֿירערס פֿונעם קאָמיטעט איז געווען גיאָרגי מאַלענקאָוו, פֿון סטאַלינס מקורבֿים, וואָס מ'האָט אים באַטראַכט פֿאַר זײַנעם אַ פּאָטענציעלן יורש. צווישן אַנדערן האָט זיך מאַלענקאָוו באַנוצט בײַ דער אינסצענירונג פֿון דער „פּרשה" מיט דעם פֿאָרשלאָג וואָס די אָנפֿירערס פֿון דער ייִדישער אָרגאַניזאַציע האָבן צוגעשיקט סטאַלינען (אין 1944), אין שײַכות מיטן אויפֿשטעלן אַ ייִדיש־סאָוועטישע רעפּובליק אויף דעם האַלבאינדזל קרים. סוף 1948 און אין משך פֿון 1949 זענען אַרעסטירט געוואָרן אַלע בולטע געשטאַלטן פֿון דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון קאָמיטעט. די אויספֿאָרשונג פֿון די אַרעסטירטע האָט געדויערט ביז פֿרילינג 1952. דער דעמאָלטיקער אינערן־מיניסטער, איגנאַטיעוו, האָט אין זײַן באַריכט צו סטאַלינען פֿאָרגעלייגט מע זאָל אַלע באַשולדיקטע פֿאַרמישפּטן צום טויט, אַחוץ לינאַ שטערן, אַ באַקאַנטע ייִדישע וויסנשאַפֿטלערין, וואָס איז אויך געווען אַ מיטגליד אין קאָמיטעט. דער יורידישער גאַנג איז באַשטימט געוואָרן פֿון פֿאָרויס דורך דעם באַשלוס פֿון דעם העכסטן פּאָליטישן פֿאָרום, דעם פּאָליטביוראָ. ווידליק דעם מענטש וואָס איז געשטאַנען בראָש פֿון דער מיליטערישער קאָלעגיע פֿון העכסטן געריכט בײַם פּראָצעס פֿון די קאָמיטעט־מיטגלידער (ער האָט עדות געזאָגט נאָך אין דער צײַט פֿון כרושטשאָוו), האָט מען אים קלאָר מודיע געווען, אַז דאָס איז די החלטה פֿון העכסטן פּאַרטייִשן פֿאָרום. און ווען ער האָט געפּרוּווט, ווי ער דערציילט, רעדן דערוועגן מיט מאַלענקאָוון, האָט יענער אים געענטפֿערט אַז „דער פּאָליטביוראָ האָט דרײַ מאָל דיסקוטירט די פּרשה. זײַן חובֿ איז בלויז אויסצופֿירן די החלטה".





*

דער אַרכיוו פֿונעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט איז כּולל מער ווי טויזנט טעקעס וועגן פֿינאַנציעלע ענינים און פּערסאָנאַל, ביז צו הויך־פּאָליטישע ענינים, צווישן וועלכע, ווענדונגען צו מלוכישע אָנפֿירערס און אַפֿילו צו סטאַלינען גופֿא. פֿון די פֿאַרשיידענע דאָקומענטן און שטעמפּלען אין די טעקעס, ווײַזט זיך אַרויס, אַז אָט דער פֿאַרנעמיקער אַרכיוו איז קאָנפֿיסקירט געוואָרן פֿונעם מיניסטעריום פֿאַר אינעווייניקסטער זיכערקייט, תּיכּף נאָך דעם ווי דער ייִדישער אַנטיפֿאַשיסטישער קאָמיטעט איז פֿאַרמאַכט געוואָרן, אין 1948. דער אַרכיוו האָט קענטיק געדינט ווי דער עיקרדיקער און צענטראַלער גרונט־מאַטעריאַל בײַם צוגרייטן די באַשולדיקונגען, און אינסצענירן דעם געהיימען פּראָצעס קעגן די אָנפֿירערס און די מיטגלידער פֿון קאָמיטעט, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין זומער 1952. אַ חלק פֿון אָט דעם מאַטעריאַל איז נאָך ניט צוריקגעבראַכט געוואָרן אין אַרכיוו און מע קאָן האָפֿן, אַז ווי נאָר מע וועט אים צוריקברענגען, וועט מען אַנטפּלעקן נײַע פּרטים, דער עיקר וועגן די באַשולדיקונגען קעגן דעם קאָמיטעט. אויף אָט דעם מאַטעריאַל, וואָס ווערט נאָך באַטראַכט ווי געהיים, האָט זיך געשטיצט די אַרבעט פֿון דער רעהאַביליטאַציע־קאָמיסיע, וואָס מיר האָבן פֿריִער דערמאָנט.

די וויכטיקסטע און באַדײַטנדיקסטע דאָקומענטן אין די טעקעס זענען די פּרטימדיקע ראַפּאָרטן און סטענאָגראַמעס פֿון די זיצונגען פֿון קאָמיטעט, ווי אויך די פֿאַרצווײַגטע קאָרעספּאָנדענץ, די בריוו וואָס זענען אָנגעקומען פֿון ייִדן איבערן גאַנצן ראַטן־פֿאַרבאַנד. אָט זענען עטלעכע דוגמאות: אין מאַרץ 1945 האָט אַ ייִד פֿאָרגעלייגט, מע זאָל ווידער אויפֿשטעלן נאַציאָנאַלע ייִדישע געגנטן אין קרים און אוקראַיִנע. אַן אַנדערער האָט געשריבן, אַז מע דאַרף פּובליקירן די דאַטעס וועגן אָנטייל פֿון די סאָוועטישע ייִדן אין אַקטיוון קאַמף. די אינטערעסאַנטסטע זענען פֿאַר אונדז די בריוו וואָס האָבן אַ שײַכות צום אויפֿקום פֿון מדינת־ישׂראל. מיר ווייסן פֿון אומדירעקטע ידיעות, און עס האָט אויך דערוועגן געשריבן מרדכי נמיר אין זײַנע זכרונות, אַז סאָוועטישע ייִדן זענען געווען פֿאַראינטערעסירט צו קומען ווי פֿרײַוויליקע, העלפֿן דעם ייִשובֿ אין ארץ־ישׂראל. אין די טעקעס פֿון אַרכיוו געפֿינען זיך די אָריגינעלע בריוו אין שײַכות דערמיט. דעם 17טן מײַ 1948 שרײַבט דערוועגן צו דעם פֿאָרזיצער פֿון קאָמיטעט אַ ייִד מיטן נאָמען קאַפּלאַן. פֿון זעלביקן טאָג איז פֿאַראַן אַ ווענדונג אין דעם דאָזיקן ענין פֿון 36 ייִדישע סטודענטן וואָס האָבן זיך געלערנט אין לענינגראַד. אַן אַנדערע גרופּע סטודענטן שרײַבט וועגן דעם מיט צוויי טעג שפּעטער. אַ ייִד פֿון נאָוואָסיבירסק ווענדט זיך צום קאָמיטעט אין זעלביקן ענין, דעם 20סטן מײַ. דעם 25סטן מײַ שרײַבט משה בערמאַן אַ שאַרפֿן בריוו צו איציק פֿעפֿער און פֿרעגט: „וואָס טוט איר (דהײַנו דער קאָמיטעט) אַצינד פֿאַרן פֿאָלק אין ישׂראל, אין אָט דער גורלדיקער שעה?"

בײַם ערשטן איבערקוקן האָב איך זיך אָנגעשטויסן אין אַ ריי ווענדונגען פֿון די אָנפֿירערס פֿון ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט צו מלוכישע אינסטאַנצן, וועגן ייִדישע ענינים. דעם 26סטן מײַ 1944 ווענדן זיך שלמה מיכאָעלס און שכנא עפּשטיין צום פֿאָלקס־קאָמיסאַר פֿאַר אינעווייניקסטע ענינים, לאַווורענטי בעריאַ, און שיקן אים איבער די טענות פֿון ייִדן אין פֿאַרשיידענע מקומות, מיט אַ בײַגעלייגטער הערה: „מיר שיקן אײַך קאָפּיעס פֿון עטלעכע בריוו אָנגעקומענע אין ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן

קאָמיטעט, וואָס זאָגן עדות וועגן אַ ריי אויסנעמיקע פֿענאָמענען אין דער באַציִונג צו ייִדן״.

נאָכן באַפֿרײַען די פֿאַרכאַפּטע שטחים אין די מערבֿ־געגנטן פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, שיקן מיכאָעלס און עפּשטיין (דער סעקרעטאַר פֿון קאָמיטעט) אַ בריוו צו מאָלאָטאָוו, ווּ זיי באַשרײַבן בפּרוטרוט דעם שווערן מצבֿ פֿון די דאָרטיקע ייִדן. ידיעות וועגן אָט דעם שווערן מצבֿ קומען אָן טאָג־טעגלעך אין ביוראָ פֿון קאָמיטעט: אַ סך פֿון די ניצול געוואָרענע ייִדן אין אוקראַיִנע לאָזט מען ניט צוריק אַרײַן אין זייערע פֿריִערדיקע דירות און מע קערט זיי ניט אום צוריק זייער פֿאַרמעגן; די אָרטיקע סאָוועטישע אויטאָריטעטן טוען גאָרנישט ניט כּדי זיי צו העלפֿן; צווישן די עוואַקויִרטע אין די ווײַטע געגנטן פֿון רוסלאַנד געפֿינען זיך אַ סך ייִדן, וואָס מע העלפֿט זיי ניט אומקערן זיך אין זייערע פֿריִערדיקע מקומות; די סאָוועטישע ייִדן באַקומען ניט די הילף וואָס מ׳האָט זיי געשיקט פֿון אויסלאַנד. צום סוף פֿון דער ווענדונג שלאָגן פֿאָר די צוויי אָנפֿירערס פֿון קאָמיטעט, מע זאָל שאַפֿן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט דער הילף פֿאַר ייִדן. אָט די ווענדונג האָט מאָלאָטאָוו איבערגעשיקט צו דעם געהעריקן מיניסטעריום און נאָכן אויספֿאָרשן דעם ענין איז באַשטימט געוואָרן, אַז די טענות פֿון מיכאָעלס און עפּשטיין האָבן קיין שום יסוד ניט.

די אינטערעסאַנטסטע ווענדונג, וואָס האָט געשפּילט אַ צענטראַלע ראָלע אין דעם טראַגישן גורל פֿונעם קאָמיטעט און זײַנע אָנפֿירערס, איז דער ״קרים־מעמאָראַנדום״. וועגן אָט דעם דאָקומענט האָבן מיר געוווּסט פֿון אומדירעקטע מקורים, און אַ טייל דערפֿון געפֿינט זיך אויך אין מיכאָעלס־אַרכיוו, וואָס איז פֿאַר עטלעכע יאָר געבראַכט געוואָרן קיין ישׂראל. נאָר ביז איך האָב אַנטפּלעקט דעם אָריגינעלן דאָקומענט אין אַרכיוו פֿון קאָמיטעט, האָבן מיר אים אין גאַנצן ניט געקענט.

די שוועריקייטן און וועלכע עס האָבן זיך אָנגעשטויסן די ייִדן וואָס האָבן זיך אומגעקערט אין די באַפֿרײַטע שטחים און דער פֿאַקט אַז די ייִדן האָבן געטרײַ געדינט דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד אין קאַמף קעגן היטלערן, האָבן געבראַכט עטלעכע פֿון די אָנפֿירערס פֿון ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט צו דער מסקנא, אַז סטאַלין וועט באַווילִיקן אַ מאַסיווע ייִדישע קאָלאָניזירונג אין קרים. אַ צאָל מענטשן, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער ייִדישער פֿאַרזאַמלונג אָרגאַניזירט פֿונעם קאָמיטעט אין מאָסקווע, אַפּריל 1944, זאָגן עדות, אַז דער קרימער פּלאַן האָט געשוועבט אין דער לופֿט. דער פּאָעט־פּאַרטיזאַן אַבֿרהם סוצקעווער, וואָס איז געבראַכט געוואָרן קיין מאָסקווע אַ קורצע צײַט פֿריִער, האָט פֿאַרשריבן אין זײַן טאָגבוך, אַז אַ דעלעגאַציע פֿון קאָמיטעט האָט וועגן אָט דעם ענין דיסקוטירט מיט מאַקסים ליטווינאָוו. כרושטשאָוו שרײַבט אין זײַנע זכרונות: ״נאָך דעם ווי אוקראַיִנע איז באַפֿרײַט געוואָרן, האָבן די מיטגלידער אין דער לאָזאָווסקי־קאָמיסיע (לאָזאָווסקי איז געווען דער ממונה איבער אַלע אַנטיפֿאַשיסטישע קאָמיטעטן) פֿאָרמולירט אַ מעמאָראַנדום, וואָס זיי האָבן געשיקט סטאַלינען, מיטן פֿאָרשלאָג אַז קרים זאָל ווערן אַ ייִדישע סאָוועטישע רעפּובליק״. פֿאָרשערס האָבן זיך משער געווען, אַז אָט דער פֿאָרשלאָג האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אין אַפּריל 1944, באַלד נאָכן באַפֿרײַען קרים דורך דער רויטער אַרמיי און תּיכּף נאָכן פֿאַרטרײַבן פֿון דאָרטן די טאָטאַרישע באַפֿעלקערונג. צו אונדזער איבעררעשונג האָט אָבער די רעהאַביליטאַציע־קאָמיסיע אין איר באַריכט וועגן קאָמיטעט באַשטימט, אַז





די ווענדונג שטאַמט נאָך פֿון 15טן פֿעברואַר 1944. דער דאָקומענט איז געחתמעט געווען פֿון מיכאָעלס, עפּשטיין און פֿעפֿער, און פֿאַרשטייט זיך, אַז לאָזאָווסקי האָט אים איבערגעפּרוּווט. געשיקט האָט מען די ווענדונג דירעקט צו סטאַלינען.

און אָט, בלעטערנדיק די דאָקומענטן פֿון אַרכיוו, האָב איך געפֿונען יענעם ״קרים־מעמאָראַנדום״ אין גאַנצן. ער פֿאַרנעמט פֿינף בלעטלעך געקלאַפּטע אויף אַ שרײַבמאַשינקע און איז טאַקע אַדרעסירט צו דעם ״פֿאָרזיצער פֿון דעם פֿאָלקס־קאָמיסאַרן־ראַט פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד״, דאָס מיינט ״דעם פֿאָטער פֿון די פֿעלקער״ בכבֿודו ובעצמו. לויט ווי ס׳איז אָנגעצייכנט אויפֿן ראַנד פֿון ערשטן בלעטל, איז אויך צוגעשיקט געוואָרן אַ קאָפּיע צו מאָלאָטאָוון. דער דאָקומענט איז געחתמעט פֿון מיכאָעלס, עפּשטיין און פֿעפֿער. דער מעמאָראַנדום באַשרײַבט בײַם אָנהייב די דעמאָגראַפֿישע השפּעה פֿון דער מלחמה אויף דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, און ווײַזט אָן, אַז אויף די שטחים וואָס זענען געווען פֿאַרנומען פֿון די נאַציס זענען אומגעקומען ניט ווייניקער ווי אָנדערטהאַלבן מיליאָן ייִדן (די דאָזיקע צאָל איז, פֿאַרשטייט זיך, ניט ריכטיק, אויב מע נעמט אין באַטראַכט אַלע שטחים וואָס זענען געווען אין יוני 1941 אונטער סאָוועטישן רעזשים). קודם־כּל שטעלן די מחברים פֿון מעמאָראַנדום אַוועק די פּראָבלעם פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט איבערן גאַנצן ראַטן־פֿאַרבאַנד. זיי טענהן:

> ווי אַ פּועל־יוצא פֿון די פֿאַשיסטישע אַכזריותן, דער עיקר קעגן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, וואָס איז אין גאַנצן פֿאַרטיליקט געוואָרן אין די צײַטווײַליק אָקופּירטע רוסישע געגנטן, האָבן די געבוירן־ערטער פֿון אַ סך עוואַקויִרטע ייִדן פֿאַרלוירן זייער מאַטעריעלע און פּסיכאָלאָגישע באַדײַטונג. עס גייט ניט בלויז אין צעשטערטע היימען — דאָס איז דער גורל פֿון אַלע וואָס קערן זיך צוריק צו זייערע געבוירן־ערטער. פֿאַרן גרעסטן טייל פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג גייט עס אין דעם, וואָס די פֿאַשיסטן האָבן פֿאַרוואַנדלט זייערע געבוירן־ערטער אין אַ מאַסן־קבֿר פֿון זייערע משפּחות און נאָענטע, וואָס מע קאָן מער ניט אויפֿלעבן פֿון דאָס נײַ. וואָס שייך די ייִדן פֿון פּוילן און רומעניע, וואָס זענען געוואָרן סאָוועטישע בירגער, קומט אַפֿילו ניט אין באַטראַכט די פּראָבלעם פֿון אומקערן זיך אַהיים, וואָרעם אויך דאָרטן איז פֿאַרטיליקט געוואָרן די גאַנצע ייִדישע באַפֿעלקערונג און ס׳איז אָפּגעווישט געוואָרן איטלעכער סימן פֿון ייִדישער קולטור.

ווײַטער ווערט געזאָגט אין אָפֿיציעלן נוסח פֿון קאָמוניסטישן סלענג, אַז מחמת די לאָקאַלע קאַדערס בײַ די פֿאַרשיידענע פֿעלקער האָבן זיך פֿאַרמערט, קען אַצינד, נאָך דער מלחמה, די ייִדישע אינטעליגענץ ניט געפֿינען קיין אַרבעט און קען ניט זײַן אַקטיוו צווישן יענע פֿעלקער. ווען די ייִדן וואָלטן ניט געווען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער מדינה, וואָלט די דאָזיקע אינטעליגענץ געקענט אַנטוויקלען אירע קולטורעלע כּוחות. די גאָר קליינע צאָל ייִדיש־סאָוועטישע קולטור־אינסטיטוציעס זענען ניט מסוגל צו באַפֿרידיקן די קולטורעלע פֿאָדערונגען פֿון העכער ווי דרײַ מיליאָן ייִדן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד (די דאָזיקע אָפּשאַצונג איז איבערגעטריבן, וואָס שייך די גרייס פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג).

ווײַטער פֿאַרנעמט זיך דער דאָקומענט מיט פֿאַלן פֿון אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועטישן רוסלאַנד און טענהט:

> אין משך פֿון דער מלחמה האָבן זיך פֿאַרשאַרפֿט באַשטימטע קאַפּיטאַליסטישע איבערבלײַבענישן אין דער פּסיכיק פֿון איינציקע שיכטן פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקערשאַפֿטן, אײַנגעשלאָסן אויך אַ טייל פֿון זייער אינטעליגענץ. איינער פֿון די בולטסטע אויסדרוקן פֿון אָט די איבערבלײַבענישן איז צו זען אין די נײַע אויסבראָכן פֿון אַנטיסעמיטיזם. אָט די אויסבראָכן ווערן אָנגעצונדן דורך פֿאַשיסטישע אַגענטן און באַהאַלטענע פֿײַנדלעכע עלעמענטן, מיטן ציל אונטערצוגראָבן די וויכטיקסטע דערגרייכונג פֿון דער סאָוועטישער מאַכט: די פֿרײַנדשאַפֿט צווישן פֿעלקער.
>
> אויף אָט די אומגעזונטע פֿענאָמענען קוקן מיט גרויסער ווייטיק אַלע שיכטן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי אמתע פּאַטריאָטן דורך דער העלדישקייט פֿון אירע זין און טעכטער אויף די פֿראָנטן פֿון דער פֿאָטערלענדישער מלחמה און אין הינטערלאַנד. די אויסבראָכן פֿון אַנטיסעמיטיזם רופֿן אַרויס אַ שאַרפֿע רעאַקציע אין דער נשמה פֿון איטלעכן סאָוועטישן ייִד, אָן אויסנעם, אויך דערפֿאַר, ווײַל דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק לעבט איבער דעם גרעסטן חורבן אין זײַן געשיכטע, נאָך דעם ווי עס האָט פֿאַרלוירן דורך דעם פֿאַשיסטישן אַכזריות אין אייראָפּע, אַן ערך פֿיר מיליאָן מענטשן, דהײַנו אַ פֿערטל פֿון זײַן גאַנצן באַטרעף. דער ראַטן־פֿאַרבאַנד איז דאָס איינציקע לאַנד וואָס האָט געראַטעוועט דאָס לעבן פֿון כּמעט אַ העלפֿט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין אייראָפּע. פֿון אַ צווייטער זײַט טראָגן בײַ די אַנטיסעמיטישע פֿאַקטן, אין איינעם מיט די פֿאַשיסטישע אַכזריותן, ס'זאָלן זיך יאַווען נאַציאָנאַליסטישע און שאָוויניסטישע שטימונגען בײַ באַשטימטע שיכטן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

נעמענדיק אין באַטראַכט די פּראָבלעמען וואָס דער מעמאָראַנדום האָט אָפּגעבראַכט, און אין אָנבליק פֿון עקאָנאָמישע און קולטורעלע אַרגומענטן, קומען די געחתמטע צו דער מסקנא, אַז אָט די נאָכמלחמהדיקע פּראָבלעמען קאָנען געלייזט ווערן דורכן אויפֿשטעלן אַ ייִדיש־סאָוועטישע רעפּובליק. די מחברים פֿון מעמאָראַנדום זענען זיך מודה, אַז אַזאַ מין פּרוּוו איז געמאַכט געוואָרן אין ביראָבידזשאַן, אָבער מחמת אַ ריי סיבות איז ער ניט מצליח געווען. און אַצינד דערגייט דער מעמאָראַנדום צו זײַן צענטראַלן פּונקט:

> ווי אַ פּועל־יוצא פֿון דעם פֿירגעבראַכטן, וואָלטן מיר געהאַלטן פֿאַר ריכטיק צו שאַפֿן אַ ייִדיש־סאָוועטישע רעפּובליק אין איינער פֿון די געגנטן, ווו די פּאָליטישע באַדינגונגען דערלאָזן עס. איינע פֿון די פּאַסיקסטע געגנטן ווײַזט זיך אויס צו זײַן דער שטח פֿון קרים, וואָס ענטפֿערט אין דער העכסטער מאָס אויף די פֿאָדערונגען, סײַ וואָס שייך דער אַרײַננעמיקייט פֿאַר דער אַריבערגעפֿירטער באַפֿעלקערונג, סײַ וואָס שייך דער פֿאַראַנענער דערפֿאַרונג פֿון די נאַציאָנאַלע ייִדישע ראַיאָנען וואָס האָבן זיך דאָרטן אַנטוויקלט... דער





> געדאַנק צו שאַפֿן אַ ייִדיש־סאָוועטישע רעפּובליק איז אויסערגעוויינטלעך פּאָפּולער צווישן די ברייטסטע מאַסן פֿון ייִדן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד און צווישן די בעסטע פֿאָרשטייערס פֿון די ברידערלעכע פֿעלקער. אין אויפֿבויען אַ ייִדיש־סאָוועטישע רעפּובליק וואָלטן אונדז צוגעשטעלט אַ סובסטאַנציעלע הילף אויך די ייִדישע פֿאָלקסמאַן פֿון אַלע לענדער אויף דער וועלט, ווו זיי זאָלן ניט זײַן.

אַחוץ דעם ציטירטן נוסח זענען, ווײַזט אויס, נאָך געווען עטלעכע ווערסיעס פֿון דער ווענדונג אין קרימער ענין. ווערדליק דעם וואָס איז פֿאַראַן אין אַרכיוו פֿונעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט און אין מיכאָעלס־אַרכיוו וואָס איז דערגאַנגען קיין ישׂראל, האָבן מיר לכל־הפּחות דרײַ ווערסיעס, פֿולע אָדער טיילווײַזיקע. די פֿאַרשיידענע ווערסיעס גופֿא זאָגן עדות אויף די ראַנגלענישן פֿון די אָנפֿירערס פֿון קאָמיטעט, וואָס שייך דעם נוסח פֿונעם דאָקומענט צו די העכסטע אינסטאַנצן. די שינויים ווײַזן אויך אָן אויף דער שטימונג צווישן די מיטגלידער פֿון קאָמיטעט, אין שײַכות מיט די ברענענדיקע פּראָבלעמען פֿון די סאָוועטישע ייִדן נאָך דער מלחמה און נאָך דעם חורבן. דעריבער איז אינטערעסאַנט צו פֿאַרגלײַכן כאָטש צוויי ווערסיעס, וואָס שייך די פּרטים און די באַטאָנונגען.

אין נוסח וואָס מ'האָט ניט אַרויסגעשיקט ווערט נאָך מער באַטאָנט די ייִדישע טראַגעדיע און די העלדישקייט פֿון די ייִדישע סאָלדאַטן אין דער רויטער אַרמיי. עס ווערט אָנגעוויזן, אַז לויט דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1939 זענען די ייִדן געווען אויפֿן זיבעטן אָרט צווישן די פֿעלקער פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, נאָר צווישן די וואָס האָבן באַקומען מלחמה־אויסצייכענונגען זענען זיי געווען אויפֿן דריטן אָרט. דאָס האָט געוואָלט קלאָר באַווײַזן ווי געטרײַ די ייִדן זענען דעם סאָוועטישן היימלאַנד.

אינטערעסאַנט איז אויך די קאָנצעפּציע פֿון די מיטגלידער פֿון קאָמיטעט וואָס שייך דער ראָלע פֿון די סאָוועטישע ייִדן אין דער צוקונפֿט. זיי האָבן באַטראַכט די רוסישע ייִדן ווי דעם איינציקן נוקלעוס פֿון ייִדישן פֿאָלק, וואָס איז כּמעט אין גאַנצן געראַטעוועט געוואָרן, און וואָס וועט אויך באַשטימען דורך זײַן גורל די צוקונפֿט פֿונעם ייִדישן פֿאָלק. פּונקט ווי אין דעם נוסח וואָס איז געשיקט געוואָרן סטאַלינען, ווערט אויך דאָ געזאָגט, אַז די באַוויליקונג אויפֿצושטעלן אַ ייִדישע רעפּובליק וואָלט באַווײַזן די אייבערשאַפֿט פֿונעם ראַטן־פֿאַרבאַנד אין לייזן די ייִדישע פּראָבלעם. אין אָט דעם דאָקומענט ווערן אויך אויסגערעכנט, מער ווי אין נוסח וואָס איז געשיקט געוואָרן סטאַלינען, די סיבות פֿאַר וואָס די ייִדישע קאָלאָניזירונג אין ביראָבידזשאַן איז ניכשל געוואָרן. עס ווערט באַטאָנט דער מרחק פֿון די ייִדיש טראַדיציאָנעלע צענטערס אין מערבֿ־ און דרום־רוסלאַנד, די שוועריקייטן זיך צוצופּאַסן צו דעם קלימאַט פֿון ווײַטן מיזרח און די פֿעלערדיקע אָנפֿירערשאַפֿט פֿון די ייִדישע קאָלאָניזירונג־אָרגאַניזאַציעס. און דאָ קומט ווידער אַן עיקרדיקער פֿראַגמענט:

> אין הסכּם מיט דער לאַנגער פּראַקטיק פֿונעם פֿאָלק, וואָלט די געווּנטשנסטע טעריטאָריע צו שאַפֿן אַ ייִדיש־סאָוועטישע רעפּובליק געקאָנט זײַן קרים, בפֿרט ווײַל אין די לעצטע פֿופֿצן יאָר פֿאַר דער מלחמה האָבן זיך דאָרטן

אַנטוויקלט אויף אַ מצליחדיקן אופֿן ייִדישע קאָלכאָזן און עס זענען אַפֿילו געשאַפֿן געוואָרן נאַציאָנאַלע ייִדישע ראַיאָנען.

דאָס אויפֿשטעלן אַ ייִדישע אויטאָנאָמע רעפּובליק אין קרים וואָלט געענטפֿערט אויף די טיפֿסטע באַגערן פֿון די ייִדישע מאַסן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד און וואָלט געווען אַ קוואַל פֿאַר נאָך גרעסערער סימפּאַטיע מצד די ייִדן פֿון דער גאַנצער וועלט פֿאַרן ראַטן־פֿאַרבאַנד.

דער דאָזיקער נוסח באַטאָנט אויף אַ קלאָרן אופֿן די נייטיקייט זיך צו פֿאַרנעמען מיט די ייִדן וואָס זענען געווען עוואַקויִרט אין די ווײַטע געגנטן פֿון רוסלאַנד און אויפֿשטעלן פֿון דאָס נײַ די ייִדיש־סאָוועטישע קולטור־אינסטיטוציעס, וואָס זענען חרובֿ געוואָרן אין דער צײַט פֿון דער מלחמה. אַ חשובֿ אָרט ווערט דאָ אָפּגעגעבן די פּראָבלעמען פֿון ייִדישע פּליטים פֿון פּוילן, וואָס האָבן דעמאָלט געלעבט אין רוסלאַנד.

אַ באַזונדערע באַדאַכטקייט פֿאָדערט די פּראָבלעם פֿון די ייִדן וואָס זענען אַנטלאָפֿן פֿון פּוילן. זייער צאָל אויף דער טעריטאָריע פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד איז העכער אַ האַלבן מיליאָן.

אין שײַכות מיט דער לייזונג זיי אײַנצואָרדענען אין ראַטן־פֿאַרבאַנד נאָך דער מלחמה, קאָן זיך יאַווען די שאלה וועגן זייער רעפּאַטריִירן קיין פּוילן, אָדער זיי דערלויבן אַרויסצופֿאָרן קיין פּאַלעסטינע. דאָס שאַפֿן אַ ייִדישע רעפּובליק אין קרים וואָלט לחלוטין באַזײַטיקט די פּראָבלעם פֿון זייער עמיגראַציע פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, היות ווי די פּוילישע ייִדן וואָלטן פֿאַרנומען אַ באַדײַטיק אָרט צווישן די גרונטלייגנדיקע קאַדערס פֿון פּיאָנירן אין דער קרימער ייִדישער רעפּובליק.

אָט דער נוסח אַנטפּלעקט נאָך אַ געדאַנק פֿון די אָנפֿירערס פֿון קאָמיטעט, וועגן אויפֿלעבן די ייִדיש־סאָוועטישע קולטור נאָך דעם ווי די מלחמה וועט זיך ענדיקן. צו דעם צוועק, האָבן זיי געטראַכט, דאַרף מען צוגרייטן ייִדישע קאַדערס, אַן אָנפֿירערשאַפֿט פֿון דער ייִדיש־סאָוועטישער אינטעליגענץ. אַ קאָנקרעטער פֿאָרשלאָג אין אָט דער ריכטונג איז געווען אויפֿצושטעלן אַ ספּעציעלע ייִדישע אינסטיטוציע פֿאַר הויכער בילדונג אין מאָסקווע, וואָס זאָל צוגרייטן אַ ייִדישע קולטור־אָנפֿירערשאַפֿט פֿאַר די נאָכמלחמהדיקע יאָרן. אַזאַ מין אינסטיטוציע האָט מען געזאָלט אויפֿשטעלן טאַקע אין שוליאָר 1944־1945. דער געבראַכטער נוסח פֿאַרענדיקט זיך מיט אָט די ווערטער:

> דאָס שאַפֿן אַן אויטאָנאָמע ייִדישע רעפּובליק אין קרים, די אויפֿלעבונג פֿון דער ייִדישער קולטור און פֿון נאָרמאַלן לעבן פֿון די ייִדישע מאַסן אין אוקראַיִנע, בעלאָרוסיע, ליטע, אין אײַנקלאַנג מיט דער גאַנצער סיסטעם פֿון פֿרײַער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פֿון די פֿעלקער אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, וואָלט באַטײַט אַ נײַער מאָראַליש־פּאָליטישער קלאַפּ קעגן פֿאַשיזם.

די ווענדונג וואָס דער קאָמיטעט האָט געשיקט סטאַלינען אין 1944, און די אַנדערע וואַריאַנטן וואָס מ׳האָט צוגעגרייט צו דעם צוועק, שפּיגלען אָפּ די





שטימונג וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין אָט דער ייִדישער אָרגאַניזאַציע פֿון מאָסקווע. אַלץ איז טאַקע זייער געוואָרנט פֿאָרמולירט, אין אָנגענומענעם סאָוועטישן סטיל, מע פֿילט אָבער אין די ווערטער דעם ווייטיק און די זאָרג, נאָך דעם וואָס דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט געליטן אין דער מלחמה, וואָס האָט שוין געהאַלטן בײַם סוף. איינציײַטיק פֿילט מען אויך אַרויס פֿון די דאָזיקע דאָקומענטן די גרויסע האָפֿענונג וועגן דער צוקונפֿט פֿון די ייִדן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. אָט די שטימונג האָט מען אויך געפֿילט אויף דער ייִדישער מאַסן־פֿאַרזאַמלונג אין מאָסקווע, אָנהייב אַפּריל פֿון דעם זעלביקן יאָר. קענטיק, ס׳האָט דעמאָלט קיינער זיך ניט געריכט אויף די ״שוואַרצע יאָרן״ און ניט געטראַכט ווי אַזוי סטאַלין און זײַנע מקורבֿים וועלן זיך באַניצן מיט יענעם ״קרים־מעמאָראַנדום״ גופֿא בײַ די אויספֿאָרשונגען, בײַם פֿאַרפּײַניקן און אויפֿן פּראָצעס קעגן ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט, אין די לעצטע יאָרן פֿונעם טיראַן.

*

שמעון רעדליך: געבוירן אין לוואָוו (לעמבערג) 1935. קינדווײַז איבערגעלעבט דעם חורבן און עולה געווען אין 1950. שטודירט געשיכטע אין העברעיִשן אוניווערסיטעט, ירושלים. ספּעציאַליזירט זיך אין פֿאָרשונג פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, אין האַרוואַרד־אוניווערסיטעט. ראָש פֿון דער קאַטעדרע פֿאַר געשיכטע אין אוניווערסיטעט ״בן־גוריון״, אין נגב. מחבר פֿון בוך: תחייה על תנאי — הוועד היהודי האנטי־פאשיסטי הסובייטי: עלייתו ושקיעתו, 1990.

> ״אײַנשטיין אין שפּיגל פֿון זײַן אַרכיוו״ — הייסט די אויסשטעלונג, וואָס איז געעפֿנט געוואָרן אין דער נאַציאָנאַלער און אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק, ירושלים, גבעת־רם.
>
> אויף דער אויסשטעלונג ווערן געוויזן זיבעציק עקספּאָנאַטן פֿון די פֿינף און פֿערציק טויזנט וואָס געפֿינען זיך אין אַרכיוו, אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק, ווערדליק דער צוואה פֿון אַלבערט אײַנשטיין. צווישן די עקספּאָנאַטן — דער כּתבֿ־יד פֿון דער ״רעלאַטיוויטעט־טעאָריע״, קאָרעספּאָנדענץ מיט גדולי־הדור, בריוו פֿון קינדער צו אײַנשטיינען, מוזיק־נאָטן, בילדער און גראַמאַפֿאָן־פּלאַטן. די אויסשטעלונג איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן לויט צענטראַלע טעמעס: אײַנשטיינס בײַטראָג צו דער טעאָרעטישער פֿיזיק, זײַן שײַכות צום ייִדישן פֿאָלק, צו דער וועלט־פּאָליטיק און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען, קוריאָזן וכדומה. צווישן די אויסגעשטעלטע בילדער געפֿינט זיך אויך אַ פֿאָטאָ פֿון זײַן איינציקן וויזיט אין ארץ־ישׂראל, אין 1923.